**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/14/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט באצאלונג העכערונג פאר נורס פאזיציעס צו פארבעסערן גאנץ-סטעיט׳יגע רעקרוטירונג און אנהאלט באמיאונגען**

***באצאלונג העכערט בענעפיט איבער 6,500 סטעיט ארבעטער לענגאויס 15 סטעיט אגענטורן***

***טייל פון גאווערנער׳ס אלגעמיינע אנטשלאסנקייט צו פארברייטערן העלטקעיר ארבעטסקראפט***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן א סעריע באצאלונג העכערונגען פאר נורס פאזיציעס אינערהאלב ניו יארק סטעיט אגענטורן צו העלפן פארבעסערן רעקרוטירונג און אנהאלט ראטעס צווישן דעם סטעיט׳ס העלטקעיר ארבעטסקראפט. די העכערונגען, וועלכע נעמען אין חשבון די שטייגנדע קאמפליצירטקייט פון נורסינג אויפגאבעס און הויכע קרעדענשעל פאדערונגען פאר נורסעס, וועלן ברענגען דעם אנהייב געהאלט פון רעגיסטרירטע נורסעס וואס ארבעטן דעם בייטאג שיפט צו באלד 90,000 דאלער אפסטעיט און 108,000 דאלער דאונסטעיט ווען צוזאמגעפּאַרט מיט באצאלונג חילוקים. די באצאלונג העכערונג וועט בענעפיטירן אומגעפער 6,500 ניו יארק סטעיט ארבעטער וואס געפונען זיך איבער 15 סטעיט אגענטורן.

״נאך איבער צוויי יאר אויף די פארנט ליניעס אין דעם קאמף קעגן קאָוויד-19, קומט זיך פאר ניו יארק נורסעס מער ווי אונזער דאנקבארקייט — עס קומט זיך זיי יושר׳דיגע און פארמעסטעריש באצאלונג,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״די געהאלט העכערונגען שפיגלען אפ אונזער סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו שטיצן אונזער העלטקעיר ארבעטער און וועלן אונז העלפן אנהאלטן און רעקרוטירן דעם קומענדיגן דור פון נורסעס צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן.״

ניו יארק סטעיט האט גע׳אפגרעיד׳עט געקליבענע נורסינג טיטלען, מיט די אפגרעידס פארטרעטנדיג א דורכשניטליכע באצאלונג העכערונג פון 4.5 פראצענט פער טיטל. רעגיסטרירטע נורס טיטלען וועלן יעצט אויך אויפגענומען ווערן ביים מיטלפונקט פון דעם געהאלט פארנעם. אין צוגאב, וועלן רעגיסטרירטע נורס טיטלען באקומען א גע׳אפדעיט׳עטער שיפט באצאלונג אריינצורעכענען א 7 פראצענטיגע העכערונג איבער׳ן באזע באצאלונג פאר דעם אוונט ארבעט-שיפט (4:00 אוונט ביז 12:00 האלב-נאכט) און א העכערונג פון 10 פראצענט פון באזע באצאלונג פאר׳ן נאכט ארבעט-שיפט (12:00 האלב-נאכט ביז 8:00 אינדערפרי).

די באצאלונג העכערונג זענען אין צוגאב צו געהעכערטע געאגראפישע באצאלונג חילוקים פאר רעגיסטרירטע און גע׳לייסענס׳טע פראקטיק נורס טיטלען דורכגעפירט פריער דאס יאר. אין יולי, האבן רעגיסטרירטע נורס פאזיציעס וואס געפונען זיך אין מיטל-הודסאן און דאונסטעיט ערטער באקומען א 35,000 געאגראפישע באצאלונג חילוק, א העכערונג פון 94 פראצענט פון דעם פריערדיגן 18,000 חילוק. רעגיסטרירטע נורס פאזיציעס וואס געפונען זיך אין אנדערע טיילן פונעם סטעיט באקומען א 20,000 געאגראפישע באצאלונג חילוק, א העכערונג פון 67 פראצענט פון די פריערדיגע 12,000

באצאלונג צווישנשייד. אין מאי, האבן גע׳לייסענס׳טע פראקטיק נורס פאסטנס וואס געפונען זיך אין מיטל-הודסאן און דאונסטעיט ערטער באקומען א 13,000 דאלערדיגע געאגראפישע באצאלונג אונטערשייד, א העכערונג פון 550 פראצענט פון די פריערדיגע 2,000 דאלערדיגע אונטערשייד און פאסטנס וואס געפונען זיך אין אנדערע טיילן פון דעם סטעיט באקומען א 4,000 דאלערדיגע געאגראפישע באצאלונג אונטערשייד, א העכערונג פון 100 פראצענט פון די פריערדיגע 2,000 דאלערדיגע אונטערשייד.

די געהאלט העכערונג איז ערווארטעט צו האבן די גרעסטע ווירקונג ביי די פאלגענדע אגענטורן, וועלכע האבן די גרעסטע צאל בארעכטיגטע פאסטנס:

- סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק - 3,381 באשעפטיגטע
- אפיס פאר גייסטישע געזונט - 1,663 באשעפטיגטע
- אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס - 674 באשעפטיגטע
- דעפארטמענט פון קארעקשענס און קאמיוניטי אויפזיכט - 518 באשעפטיגטע
- העלט דעפארטמענט - 371 באשעפטיגטע
- אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע 120 באשעפטיגטע

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס קאמיסיאנער טימאטי האוגס האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט באשעפטיגט טויזנטער נורסעס, וועלכע פארזארגן קריטיש-וויכטיגע סערוויסעס לענגאויס אונזערע סטעיט אגענטורן צו באשיצן די געזונט און וואוילזיין פון ניו יארקער. דורך אנבאטן אונזערע נורסעס מיט די וואויל-פארדינטע באצאלונג העכערונגען, וועלן אונזערע צוזאמארבעטער אגענטורן זיין בעסער פלאצירט אנצוהאלטן די טאלאנטפולע און געטרייע ארבעטער. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, ארבעט דער דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס שווער איינצופירן ענדערונגען אויף אמבעסטן שטיצן און אנהאלטן אונזער יעצטיגע פובליק ארבעטסקראפט און צו פארזיכערן אז אונזער באצאלונג איז פארמעסטעריש אויף צוציען דעם קומענדיגן דור פון טאלאנט-ארבעטסקראפט צו פובליק קאריערעס.״

**פובליק באשעפטיגטע פעדערעישען פרעזידענט ווען ספענס האט געזאגט,** ״PEF אדוואקירט שוין היפשע יארן פאר באצאלונג יושר און טיטל ווידער-סטרוקטירן פאר נורסעס אין אונזער יוניאן. מיר זענען צופרידן אז גאווערנער האוקול און דער דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס האבן געגומען טריט צו העכערן געהאלט שטאפלען און באלוינען די געטרייע פובליק באאמטע. אין א צייט ווען מיר האבן אלע געזען די וויכטיגקייט פון פובליק געזונטהייט סערוויסעס, מוז ניו יארק ווייטער טון אלצדינג וואס מעגליך צוצוציען און אנהאלטן נורסעס.״

די באצאלונג העכערונגען זענען א טייל פון גאווערנער האוקול׳ס היסטארישע אנטשלאסנקייט און אינוועסטירונגען אויף אויפצוריכטן די העלטקעיר ארבעטסקראפט און בויען דעם העלטקעיר סיסטעם פונעם צוקונפט. אלס טייל פון דעם דורכגעפירטן פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט, טוט גאווערנער האוקול אינוועסטירן איבער 10 ביליאן דאלער אין העלטקעיר, אריינגערעכנט איבער 4 ביליאן דאלער צו שטיצן געהאלטן און באנוסן פאר העלטקעיר ארבעטער. דאס רעכנט אריין 1.2 ביליאן דאלער אינוועסטירונג פאר העלטקעיר און גייסטישע געזונט ארבעטער אנהאלט באנוסן מיט ביז 3,000 דאלער באנוסן פאר פול-צייטיגע ארבעטער וועלכע בלייבן אין זייערע פאזיציעס פאר איין יאר, און אויסגערעכנטע באנוסן פאר די וועלכע ארבעטן וויניגער שעה׳ן.

ניו יארק סטעיט שטיצט אן ענווייראנמענט וואס מוטיגט און שטיצט פראפעסיאנעלע אויפשטייג און קאריערע געלעגנהייטן פאר נורסעס און באשעפטיגט טויזנטער נורס פראקטיצירער, רעגיסטרירטע נורסעס און גע׳לייסענס׳טע פראקטיק נורסעס אין אגענטורן וואס געפונען זיך איבער׳ן סטעיט.

נורסעס באשעפטיגט אין סטעיט רעגירונג באקומען:

- א ברייט-ארומנעמנדע בענעפיט פעקל, אריינגערעכנט רעטייערמענט בענעפיטן
- א ברייטע ריי קאריערע באוועגיגקייט אפציעס
- א ברייטע אויסוואל פון עדיוקעישען, פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג, און טרענירונג געלעגנהייטן
- שטודיר קאסטן צוריקצאל און שטודיר קאסטן הילף

פאר מער אינפארמאציע אויף פובליק סערוויס נורסינג קאריערעס, באזוכט נורסינג קאריערעס אין סטעיט רעגירונג.

זיך צו לערנען מער איבער ארבעטן פאר׳ן סטעיט ניו יארק און וויאזוי צו נעמען די קומענדע שריטן אין נאכגיין א באלוינענדע קאריערע אין פובליק סערוויס, ביטע באזוכט דעם דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס וועבזייטל און פאלגט נאך דעם דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס אויף פעיסבוק, טוויטער, און לינקד-אין.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418